# י"ב פסוקים



דעם יאר איז פופציק יאר פון ווען דער רבי האט מכריז געווען אויף מבצע חינוך, און פון ווען דער רבי האט אויסגעלערנט די י"ב פסוקים און מאמרי חז"ל. צי דען האבן די צוויי זאכן א שייכות? און וואס איז מבצע חינוך? איז עס נאר פאר ערוואקסענע וועלכע קענען זיין מלמדים אין חדר?

אמאל פלעגט פאסירן א פלוצלינג'דיקע פארברייינגען. עטליכע מאל האט עס פאסירט ווען דער רבי איז צוריק געקומען פונעם אהל, און האט מודיע געווען אז ס'וועט פארקומען א פארברייינגען.

איינער פון די צייטן איז געווען ערב ראש חודש אייר תשל"ו. דער רבי האט יעמאלט מכריז געווען אויף א נייע מבצע - "מבצע חינוך". און דער מבצע איז ספעציעל, ווייל אנדערש פון אלע אנדערע מבצעים וועלכע זיינען וועגן ספעציפישע

**"די לערנען תורה וואס קומט ארויס פון די מויל פון אידישע קינדער האט די כח צו איבערזיגן די פיינט"**

מצוות; דער מבצע איז אז מ'זאל מאכן א השתדלות מיוחדת אז אידישע קינדער זאלן באקומען וואס מער אידישע חינוך, וואס דאס ווירקט אויף זייער גאנצע אידישקייט.

דערנאך האט דער רבי געזאגט אז וויבאלד אז ס'איז פאראן אן עניין פון "מפי עוללים ויונקים.. להשבית אויב ומתנקם", אז די לערנען תורה וואס קומט ארויס פון די מויל פון אידישע קינדער האט די כח צו איבערזיגן די פיינט - וויל מען משתף זיין אויף די קינדער אין מבצע חינוך. ובפרט אז קינדער בטבעם באפרייינדן זיך מיט אנדערע קינדער - קענען זיי משפיע זיין אויף זיי אין עניינים פון תורה, אנהויבנדיק מיט איבער-חזר'ן פסוקים און מאמרי חז"ל. און דער רבי האט דאן אויסגעקליבן די ערשטע זעקס פסוקים און מאמרי חז"ל; צוויי פון תושב"כ, צוויי פון תושב"פ און צוויי פון תניא.

א פאר וואכן שפעטער איז געווארן זייער קלאר וועלכע פיינט האט דער רבי געמיינט, ווען טעראריסטן האבן איבער-גענומען אן עראפלאן, און האבן געפאנגען בעיקר די אידישע פאסיזשירן. מיט אסאך נסים האט דער ארץ-ישראל'דיקן ארמיי געקענט זיי ארויס-נעמען.

בהמשך צו די גרויסע שטורעם וואס דער רבי האט געמאכט וועגן מבצע חינוך, זיינען די חסידים נתעורר געווארן צו מאכן א גרויסער פאראד אויף ל"ג בעומר, כאטש אז ס'איז ניט געווען אויף א זונטאג.

ביי דער פאראד, האט דער רבי ממשיך געווען צו רעדן וועגן דעם, און האט געזאגט, אז אזוי ווי אין די טעג פון רשב"י איז די וועלט גערעטעוועט געווארן בזכות דעם אז רשב"י האט געלערנט מיט זיינע תלמידים; אזוי אויך אין אונזערע טעג, ווערט די וועלט גערעטעוועט בזכות חינוך התלמידים. און דער רבי האט צוגעלייגט נאך זעקס פסוקים, ווי פריער: צוויי פון תושב"כ, צוויי פון תושב"פ און צוויי פון תניא.

די ציל פון די פסוקים איז אז מ'זאל זיי אויס-לערנען בעל פה, כדי אז ווען מ'האט אן ליידיקע מינוט אבער מ'האט ניט קיין ספר - זאל מען קענען חזר'ן די פסוקים וואס מ'קען בעל פה!

און פארוואס דוקא די פסוקים און מאמרי חז"ל? ווייל די עניינים וועגן וואס זיי רעדן זיינען עניינים כלליים אין תורה, און זיינען הוראות פאר די טאג-טעגליכע לעבן פון א איד. בעזהי"ת אין די קומענדיקע בענדער, וועלן מיר אדורך-גיין אלע פסוקים, און זעהן וואס זיי מיינען פאר אונז אין אונזער עבודת ה'.

*פארוואס האט דער רבי אויסגעקליבן דוקא די דאזיקע פסוקים און מאמרי חז"ל?*

# י"ב פסוקים

לע"נ הרה"ח
**ברוך שלום** בהרה"ח
**מיכאל יהודה אריה לייב**
**הכהן ע"ה כהן**
נלב"ע כ"ה מרחשון
ה'תשפ"ו.

## שמע ישראל ה'אלוקינו ה' אחד

## והנה ה' נצב עליו ומלא כל הארץ כבודו ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי

האט איר אמאל געטראכט, פארוואס פארדעקט מען די אויגן ווען מ'זאגט שמע?

אמאל איז א קליינע מיידעלע אריין צום רבי'ן אויף יחידות. דער רבי האט איר געפרעגט אויב זי ווייסט שמע ישראל אויף אויסנווייניק. זי האט געענטפערט אז זי ווייס, און האט גלייך צוגעדעקט אירע אויגן און געזאגט שמע ישראל. האט דער רבי איר געפרעגט ווייטער, "פארוואס דעקט מען צו די אויגן ווען מ'זאגט שמע?" האט זי געענטפערט אז דאס איז כדי צו האבן מער כוונה, און דער רבי האט איר געגעבן א זילבערנעם דאלער.

וואס איז אבער די כוונה פון שמע ישראל?



דער ווארט "אחד" אין שמע איז ראשי תיבות: א - אלופו של עולם, דער אויבערשטער. ח - בגימטריא אכט, די זיבן הימלען און די ערד. ד - די פיר ריכטונגען. דאס מיינט אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן פון דער אויבערשטער, אלץ איז בטל צו אים, און אויך זייער איצטיגער חיות קומט פון אים.

האט עס אמאל געטראפן צו דיר אז דו האסט געזאגט "איך קען ניט"?

דער פסוק פון "והנה" לערנט אונז, אז פאר א איד איז קיין זאך ניט צו שווער. ער האט אלעמאל די כח צו טאן דאס וואס ער דארף, און ספעציעל ווען ס'קומט צו תורה און מצוות.

"והנה ה' נצב עליו" מיינט אז דער אויבערשטער שטייט און קוקט אויף א איד. אבער דאס איז ניט בלויז א קוק, נאר אויך (ובעיקר) אז דער אויבערשטער גיט אים די כח צו טאן וואס ער דארף.

און אז דער איד ווייסט אז מלך מלכי המלכים הקב"ה שטייט מיט אים, קוקט צו און גיט אים כח - דאס אליין באגייסט אים מיט שמחה צו טאן זיין עבודה.

האסטו אמאל געזעהן ווי א קלייד קינד לערנט ווי צו גייען? אלע קוקן אויף אים און ווארטן אז ער זאל טרעטן מיט די אייגענע פיס. ווען ער זעהט ווי אלע קוקן און ווארטן אויף אים - דאס אליין גיט אים די כח צו דאס טאן, און מיט אברייטן שמייכל.





אבער ווען מ'קוקט אויף די וועלט זעהט מען דאס ניט, נאר מ'זעהט א גשמיות'דיקע וועלט. דערפאר דארף מען צודעקן די אויגן ווען מען זאגט שמע, און טיף אריינטראכטן וועגן דעם אז דער וועלט איז באמת אלקות, און יעמאלט ווען מען נעמט אראפ די האנט פון די אויגן און מען קוקט אויף די וועלט, קען מען דערהערן אז דאס איז די זעלבע וועלט וועגן וואס מ'האט יעצט אריינגעטראכט אז ס'איז אלקות.

וואס זיינען די צוויי זאכן וואס מיר לערנען פון והנה ה'?

# י"ב פסוקים

לע"נ הרה"ח
**ברוך שלום** בהרה"ח
**מיכאל יהודה אריה לייב**
**הכהן** ע"ה
נלב"ע כ"ה מרחשון
ה'תשפ"ו.

"כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר"

"ישמח ישראל בעושיו פירוש שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים"

עס איז אמאל געווען איינער וואס האט געקלעטערט ("קליימד") אויף א בארג. עס איז פאר אים געווען זייער שווער און האט גענומען אסאך כחות. טעג און נעכט האט ער געקלעטערט, ביז ער איז אנגעקומען צום שפיץ פון בארג. דארט זעהט ער א קליין קינד וואס דרייט זיך ארום, און ער פרעגט אים: "ווי איז א קליין קינד ווי דיר אנגעקומען דא?!" האט דער קינד אים געענטפערט: "וואס הייסט, דא איז מיין פלאץ. איך בין געבארן געווארן דא!"

דער חלק וואס מ'באקומט אין עולם הבא איז די תוצאה פון דאס וואס מ'טוט אויף אין עולם הזה, און ס'איז א נצחיות'דיקער

זאך - מ'בלייבט מיט'ן חלק וואס מ'באקומט, און מ'קען דאס ניט בייטן. איז פארשטאנדיג אז מ'דארף זיך באווארענען יעצט אין עולם הזה, מאכן זיכער אז אונזער אויפפירונג איז ווי ס'דארף צו זיין.

און מ'דארף ניט קלעטערן קיין הויכע בערג צו דאס דערגרייכן. נאר יעדער איד הייסט "נצר מטעי מעשי ידי להתפאר" פון דעם אויבערשטן. דערפאר הייסט ער א צדיק און עולם הבא איז שייך צו אים.

ביסטו אמאל געווען ביי א חתונה? ביי א חתונה איז א גרויסער טייל דער טאנצן. אבער פארוואס טאנצן אלע? צי דען איז דאס זייערע שמחה? ס'איז דאך נאר די שמחה פון די חתן און כלה!

נאר וואס, אלע מיט-טאנצן מיט'ן חתן אדער כלה, ווייל זיי פילן א שייכות צו זיי און זיינען צופרידן מיט זיי.

אזוי איז עס אויך צווישן אידן און דער אויבערשטער. מען זאגט "ישמח ישראל בעושיו" - אידן זיינען צופרידן מיט זייער באשעפער, דער אויבערשטער, ווייל אידן זיינען "עם קרובו" - זיי זיינען נאנט צום אויבערשטן.

און ווען איז דער אויבערשטער צופרידן? ווען א איד טוט א מצוה, ווייל דורך דעם ווערט א דירה בתחתונים. און וויבאלד אז א איד איז נאנט צום אויבערשטן - איז ער אויך צופרידן מיט דעם.

און ער איז ניט צופרידן נאר צוליב דעם אז ער איז דער וואס מאכט די דירה בתחתונים. נאר ער איז צופרידן בעיקר פון דעם אז דער אויבערשטער איז צופרידן!



פארוואס זיינען מיר צופרידן ווען דער אויבערשטער איז צופרידן?